ה. אויפן פסוק וישמע משה וייטב בעיניו (קאפיטל יו"ד פסוק כ׳) שטעלט זיך רש"י אויף די ווערטער "וייטב בעיניו" און איז מפרש: "הודה ולא בוש לומר לא שמעתי" - אז משה האט זיך מודה געווען און ניט געשעמט זיך צו זאגן "לא שמעתי". ד.ה. אז משה האט געזאגט "לא שמעתי".

אזוי איז דער פירוש הפשוט אין רש"י. זיינען אבער מפרשים מסביר אז מ'יט די ווערטער "ולא בוש לומר לא שמעתי" מיינט רש"י צו זאגן אז ווען משה וואלט זיך געשעמט וואלט ער געזאגט "לא שמעתי", און וויבאלד אז "הודה ולא בוש", האט ער ניט געזאגט "לא שמעתי" (אז ער האט דעם דין קיין מאל ניט גע-הערט פון אויבערשטן) נאר ער האט געזאגט "שמעתי ושכחתי" (אז ער האט עס יא געהערט נאר ער האט פארגעסן). און די מפרשים צייכנען צו די גמרא (זבחים קא,א) וואס דארטן שטייט בפירוש "הודה ולא בוש לומר לא שמעתי אלא שמעתי ושכחתי".

עס איז

הנחת הת׳ בלתי מוגה



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשכ"ט ב שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס : 109 הודפס ע"י אוצר החכמה

עס איז אבער ניט מובן:

א) וויבאלד אז אפילו די גמרא, וואס זי איז געשריבן געווארן פאר א "בן חמש עשרה לגמרא", דארף מסיים זיין בפירוש "אלא שמעתי ושכחתי" – ווייל פון די ערשטע ווערטער אליין (אָן דעם דאזיקן סיום) וואלט מען א טעות געהאט און געלערנט אז משה האט טאקע געזאגט "לא שמעתי", איז דאך רש"י, וואס ער האט געשריבן זיין פירוש פאר א "בן חמש למקרא", האט דאך א ודאי בעדארפט מוסיף זיין די ווערטער "אלא שמעתי ושכחתי", בכדי ארויסצונעמען דעם תלמיד פון דעם טעות הנ"ל?

און מען קען ניט זאגן אז רש"י פארלאזט זיך אז דער תלמיד וועט נאכקוקן די גמרא – ווארום כאמור כמה פעמים, האט רש"י געשריבן זיין פירוש באופן כזה אז מען זאל פארשטיין זיין כוונה פון זיין פירוש גופא און ניט נאכקוקן אין אנדערע ספרים. און אין די ערטער וואו רש"י מיינט אז מען זאל יא נאכקוקן אין אנדערע ערטער, שרייבט ער בפירוש "כדאי' בגמרא", צי "כדאי' במדרש", וכדומה. היינט וויבאלד אז אין אונזער פסוק צייכנט ניט רש"י די גמרא אין זבחים, איז דאך קלאר אז מען דארף ארויסנעמען זיין כוונה פון די ווערטער וועלכע ער שרייבט בפירוש.

ב) וואס איז שווער אינעם פסוק "וייטב בעיניו", וואס צוליב ארויפנעמען די שוועריקייט מוז רש"י מפרש זיין "הודה ולא בוש כו'". דלכאורה איז דער פסוק אינגאנצן א גלא-טיקער: פריער שטייט אז משה האט געמאנט "מדוע לא אכלתם", און אהרן האט אים געענטפערט "הן היום הקריבו גו'", איז בהמשך לזה זאגט ווייטער דער פסוק "וישמע משה וייטב בעיניו", אז בשעת משה האט געהערט אהרן'ס ענטפער איז דאס אים געפעלן געווארן. היינט וויבאלד אז דער פסוק איז אינגאנצן גלאטיק לכאורה אויך אָן רש"י'ס פירוש, טא צוליב וואס דארף רש"י מפרש זיין "הודה ולא בוש כו'"?

עד כאן זיינען די דיוקים וואס זיינען דא אין רש"י על אתר. נוסף לזה, שטעלט זיך דא אויך א שאלה פון א ווייטער-דיקע רש"י און פון א פריערדיקע רש"י.

ג) ווייטער אין פרשת מטות (לא,כא) אויפן פסוק ויאמר אלעזר הכהן גו' (וואו עס ווערט דערציילט אז אלעזר האט געזאגט די דינים פון געולי נכרים) שטעלט זיך די שאלה: ווי קומט אלעזר ריידן בפני משה? באווארנט עס רש"י און איז מפרש: "לפי שבא משה לכלל כעס (ווי ער זאגט דארטן פריער (לא,יד) ויקצוף משה) בא לכלל טעות שנתעלמו ממנו הלכות געולי נכרים". און רש"י איז דארט מוסיף "וכן אתה מוצא בשמיני למילואים שנאמר ויקצוף על אלעזר ועל איתמר בא לכלל כעס בא לכלל טעות" (אז אויך בשמיני למילואים איז משה'ס טעות געקומען מצד דעם "ויקצוף") "וכן בשמעו נא המורים ויך את הסלע ע"י הכעס טעה" (אז דאס וואס משה האט א טעות געהאט און געשלאגן דעם סלע (ניט גערעדט צו אים) איז געקומען איבער דעם וואס ער איז

געווארן;

הנחת הת' בלתי מוגה



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשכ"ט ב שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 110 הודפס ע"י אוצר החכמה

געיוואר̈ן אין כעס, וכדמוכה פון דעם וואס ער האט אנגערופן אידן מיטן נאמען "מורים", שאלולי הכעס איז דאך ניט שייך אז א רועה נאמן זאל אנרופן אידן מיט אזא נאמען).

איז דאך ניט מובן: פון דעם וואס רש"י זאגט "לפי שבא משה לכלל כעס בא לכלל טעות", זעט מען דאך קלאר אז רש"י דארף זוכן הסברים אויף דעם וואס משה איז בא לכלל טעות, ווארום ביי דעם בן חמש למקרא איז שווער: ווי איז שייך אז משה זאל האבן א טעות?

[ובפרט עפ"י מ"ש רש"י (תשא לא,יח) "שנמסרה לו תורה במתנה ככלה לחתן כו'" איז דאך א ודאי ניט שייך אז משה זאל פארגעסן עפעס פון דעם וואס ער האט געלערנט]

איז דאך שווער: די קשיא (ווי קומט משה צו א טעות) שטעלט זיך דאך גלייך אין פרשת שמיני. האט דאך רש"י געדארפט גלייך דא באווארענען די קשיא און מפרש זיין אז משה'ס טעות איז געקומען איבער דעם וואס בא לכלל כעס. פארוואס באווארנט עס ניט רש"י דא על אתר און ווארט מיט דער באווארעניש ביז פרשת מטות?

ד) אין פרשת פקודי (לח,כב) אויפן פסוק "ובצלאל בן אורי וגו' עשה את כל אשר צוה ה' את משה" איז רש"י מפרש: "אשר צוה אותו משה אין כתיב כאן אלא כל אשר צוה ה' את משה ..כי משה צוה לבצלאל לעשות תחלה כלים ואח"כ משכן, אמר לו בצלאל מנהג עולם לעשות תחלה בית..א"ל משה בצל א-ל היית כי בודאי כך צוה לי הקב"ה כו'". שטעלט זיך דאך די שאלה: וויבאלד אז דער אויבערשטער האט געזאגט צו משה'ן מען זאל פריער מאכן דעם משכן, פארוואס האט משה געזאגט צו בצלאל'ן מען זאל פריער מאכן די כלים? מוז מען דאך זאגן לכאורה, אז משה האט פארגעסן וואס דער אויבערשטער האט אים געזאגט. שטעלט זיך דאך די קשיא: פארוואס באווארנט ניט רש"י דארטן ווי קומט משה צו א טעות?

די קשיא איז נאך שטארקער: דארטן קען מען גאר ניט ענטפערן דעם תירוץ פון "בא לכלל כעס בא לכלל טעות", ווייל מען געפינט דארט כלל ניט אז משה איז געווארן אין כעס.

דרך אגב – פון די רש"י שבפרשתנו זעט מען נאך אן ענין:

שוין געוועדט כמה פעמים, אז בשעת רש"י איז מפרש צוויי פירושים אויף א פסוק, און דערנאך (אין א ווייטערדיקע רש"י) איז ער מפרש א געוויסן פירוש וואס האלט אויס בלויז לויט איינעם פון די פירושים וועלכע ער איז מפרש פריער, איז עס ניט מצד דערויף וואס ער איז חוזר פון דעם אנדער פירוש, אדער מצד דעם וואס ער נעמט אים אן פאר א ניט קיין פירוש עיקרי, נאר – ווייל לויט דעם אנדער פירוש וועלכן ער האט מפרש געווען פריער איז דער ווייטערדיקער פסוק מובן מעצמו און פאדערט ניט אז רש"י זאל אים מפרש זיין. און ווי געבראכט שוין כמה וכמה דוגמאות אויף דעם.

איז אין

<u>הנחת הת' בלתי מוגה</u>



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשכ"ט ב שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס : 111 הודפס ע"י אוצר החכמה

איז אין די רש"י פון אונזער פרשה, זעט מען ארויס קלאר דעם כלל הנ"ל. וואס רש"י איז מפרש די כללות הפרשה - כמה וכמה פסוקים - בלויז לויט איין פירוש:

פריער (בפסוק טז) זאגט רש"י צוויי פירושים פארוואס מען האט פארברענט דעם שעיר החטאת: "יש אומרים מפני טומאה כו' ויש אומרים מפני אנינות כו'". און דערנאך איז רש"י מפרש אלע וויטערדיקע פסוקים (ביז צום לעצטן פסוק פון דער פרשה "וישמע משה וייטב בעיניו" - איז בבירור) לויטן פירוש אז דער שעיר איז נשרף געווארן מפני אנינות.

און דא קען מען ניט זאגן אז דאס וואס רש"י איז מפרש אלע וויטערדיקע פסוקים לויטן פירוש "מפני אנינות נשרף", ווייל ער איז דער פירוש העיקרי - ווארום ווען ער וואלט געווען דער פירוש העיקרי וואלט דאך אים רש"י מקדים געווען פריער, און בפועל שרייבט רש"י דעם פירוש "מפני טומאה כו'" פאר דעם פירוש "מפני אנינות".

און כאטש טאקע אז רש"י מיט זיין מקדים זיין "ונחלקו בו חכמי ישראל" (איידער ער ברענגט די פירושים גופא) לאזט אונז הערן אז זיין מקדים זיין דעם פירוש "מפני טומאה" איז עס ניט מצד זיין קדימה במעלה [און ווי גערעדט שוין פיל מאל באריכות, אז אין פאל וואו רש"י האט צוויי פירושים שקולים, איז היות אז מען קען דאך ניט שרייבן ביידע פירושים בבת אחת; איינער פון זיי מוז דאך קומען פריער - איז בכדי מען זאל ניט מאכן קיין טעות אז דער פירוש וואס קומט פריער איז קדום במעלה איז רש"י מקדים אז ער האט דא צוויי פירושים, מיינענדיק דער-מיט אז ביידע פירושים זיינען שקולים],

איז דאך אבער עכ"פ ברור אז דער פירוש "מפני אנינות" איז זיכער ניט דער פירוש העיקרי. און דאס וואס רש"י איז מפרש אלע וויטערדיקע פסוקים לויטן פירוש "מפני אנינות" און ניט לויטן פירוש "מפני טומאה" איז עס מצד דעם ווייל לויטן פירוש מפני טומאה זיינען די פסוקים מובן מעצמם.

(מאמר המוסגר: דאס גופא וואס דער פירוש "מפני טומאה" איז ניט קדום במעלה פונעם פירוש "מפני אנינות" דארף האבן א הסברה. דלכאורה: לויטן פירוש "מפני אנינות" דארף רש"י אנקומען צו א שלל פון דינים און אויך צו דעם חילוק פון קדשי דורות ביז קדשי שעה - וואס אפילו אין "הלכה" איז עס ניט אזוי גלאטיק, און ס'איז דא א מחלוקת אין דעם. משא"כ לויטן פירוש "מפני טומאה" דארף מען ניט אנקומען צו די אלע דינים, איז דאך דער פירוש לכאורה פיל גלאטיקער. טא פארוואס איז רש"י מדגיש (דורך זיין הקדמה "ונחלקו בו חכמי ישראל") אז ביידע פירושים זיינען שקולים?

איז פאראן אין דעם זייער א געשמאקער ענין באריכות, ואין כאן מקומו. און דאס וואס עס איז נוגע לעניננו איז, אז פון דער רש"י זעט מען קלאר דעם אויבנדערמאנטן כלל, אז בשעת רש"י איז מפרש א געוויסן פסוק צי כמה פסוקים בלויז לויט איין פירוש, איז עס כלל קיין הוכחה ניט אז רש"י נעמט אן דעם פירוש פאר דעם פירוש עיקרי).
ס.

הנחת הת' בלתי מוגה



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשכ"ט ב שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 112 הודפס ע"י אוצר החכמה

יוד. די קשיא וועלכע עס קוועטשט רש"י´ן איז די ווערטער "וייטב בעיניו" – וואס צוליב דעם מוז ער מפרש זיין "הודה ולא בוש כו´" – איז:

מיט די ווערטער "וישמע משה" מיינט דאך ניט דער פסוק צו דערציילן אז משה האט געהערט – ווארום דאס איז דאך א דבר הפשוט, און דער פסוק דארף עס כלל ניט דערציילן, אז בשעת אהרן האט גערעדט צו אים האט ער אויסגעהערט אהרן´ס רייד – נאר ער מיינט צו דערציילן אז ביי משה´ן איז נתקבל געווארן אהרן´ס רייד, און דער טייטש פון "וישמע" דא איז, אז ער האט עס מקבל געווען

וכידוע

הנחת הת´ בלתי מוגה



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשכ"ט ב שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס : 114 הודפס ע"י אוצר החכמה

[וכידוע וואס כ"ק מו"ח אדמו"ר פלעגט זאגן, אז ס'איז פאראן "העדן" און "דערהערן". און אזוי געפינט מען דאך בכמה פסוקים וואו מיטן לשון שמיעה מיינט מען (ניט סתם "הערן", נאר) "דערהערן", מקבל זיין. אזוי ווי "רבר כי שומע עבדך", אדער "נעשה ונשמע", ועוד - וואס עס מיינט ניט סתם הערן נאר מקבל זיין ]

היינט פארוואס דארף דער פסוק מוסיף זיין "וייטב בעיניו", אז משה'ן איז געפעלן געווארן אהרן'ס רייד - בשעת מען ווייס עס שוין פון "וישמע משה"? מוז מען דאך זאגן אז מיטן "וייטב בעיניו" מיינט דער פסוק א ספעציעלע סארט "געפעלנקייט" (וואס משה'ן איז געפעלן געווארן אהרן'ס סברא צו בחלק זיין פון קדשי דורות ביז קדשי שעה), וואס פון דעם "וישמע משה" קען מען עס ניט וויסן. איז דאך די שאלה: אין וואס באשטייט אט דער "וייטב" און אין וואס האט זיך עס אויס-געדריקט?

אויף דעם זאגט רש"י "הודה ולא בוש לומר לא שמעתי" - אז משה האט משבח געווען די סברא און געהאלטן אין איין זאגן - ווי רש"י איז מדייק "לומר" - "לא שמעתי", אז ער האט עס ניט געהערט און אים איז גאר ניט איינגעפאלן אזא סברא.

און אויף דעם זאגט רש"י "הודה ולא בוש כו'", וואס דא זעט מען שבחו של משה. ווארום משה האט דאך געהאט א ברירה צו שווייגן און ניט ריידן וועגן דעם אז אים איז די סברא ניט איינגעפאלן, און אין דעם וואס ער איז אומגעגאנגען און געזאגט "לא שמעתי", אז אים איז ניט איינגעפאלן די סברא נאר די סברא איז אהרן'ס, זעט מען זיין שבח וואס "הודה ולא בוש".

וואס דאס איז אויך מכריח צו לערנען אז משה האט גע-זאגט "לא שמעתי" און ניט "שמעתי ושכחתי" - ווארום (א) ווען משה וואלט געהערט פון אויבערשטן (אז ס'איז דא א חילוק פון קדשי דורות מיט קדשי שעה) פאסט ניט צו זאגן "וייטב בעיניו", ווארום וואס איז שייך צו זאגן אויף א הלכה ששמע מהקב"ה אז אים איז עס געפעלן. (ב) עניינו של משה איז מדת האמת, איז ווען משה וואלט עס יא געהערט פון אויבערשטן (און פארגעסן), איז דאך ניט שייך צו זאגן א שבח אויף משה'ן אז ער האט ניט געזאגט "לא שמעתי",* וואס לויט דעם איז מובן (א) דער "וייטב בעיניו" - אז אעפ"י ס'איז געווען אהרן'ס א סברא (ולא שמע זה מהקב"ה) פונדעסטוועגן איז עס אים געפעלן געווארן. (ב) דער "הודה ולא בוש" - אז אעפ"י ער האט געהאט א ברירה צו שווייגן און ניט ריידן וועגן דעם, איז "הודה ולא בוש לומר לא שמעתי", אז ער איז אומגעגאנגען און געזאגט אז די סברא איז ניט זיינע נאר אהרן'ס.

ואעפ"י אז אין גמרא שטייט אז משה האט געזאגט "שמעתי ושכחתי" - איז דאך אבער אין תו"כ שטייט דער לשון "שלא הי' בוש לומר לא שמעתי" (אן דעם אויספיר "אלא שמעתי ושכחתי") - און בנוגע צו תו"כ, איז דאך זיכער ניט שייך צו זאגן אז ער

* היפך האמת. דעריבער איז מוכרח צו לערנען אז משה האט געזאגט לא שמעתי.

פארלאזט

הנהה הת' בלתי מוגה



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשכ"ט ב שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס : 115 הודפס ע"י אוצר החכמה

פארלאזט זיך אויף דער גמרא, און מיטן "הודה ולא בוש לומר לא שמעתי" מיינט דער תו"כ אז משה האט געזאגט "לא שמעתי" (ניט אז ווען ער וואלט זיך געשעמט וואלט ער געזאגט "לא שמעתי").

וואס פון דעם איז נאך מער מוכח אז אויך רש"י בפי-רושו מיינט אז משה האט געזאגט "לא שמעתי" — כבשמעות פשטות הלשון — ווארום אפילו את"ל אז רש"י בפירושו פארלאזט זיך אז מען וועט נאכקוקן אין מאמרי חז"ל, איז אבער אין אונזער פאל ניט שייך צו זאגן אז דאס וואס רש"י ברענגט ניט דעם סיום "אלא שמעתי ושכחתי" איז, עס מצד דעם ווייל ער פארלאזט זיך אז מען וועט נאכקוקן די גמרא אין זבחים — ווארום עס קען דאך זיין אז דער תלמיד וועט קוקן (ניט אין מס' זבחים, נאר) אין תו"כ, ובפרט אז דער תו"כ איז על אתר.

עפ"י הנ"ל וועט אויך ווערן פארענטפערט וואס פון א צווייטן ארט אין גמרא (שבת קנ,א) קומט אויס אז "גמר ושכח" איז ניט אזא גנאי ווי "לא גמרא", היינט וואס איז דער שבח אויף משה'ן אז ער האט ניט געזאגט "לא שמעתי" נאר "שמעתי ושכחתי": "לא שמעתי" איז דאך מער גנאי? עפ"י פירש"י אבער אז משה האט טאקע געזאגט "לא שמעתי" איז עס קיין קשיא ניט.

האמור לעיל אין דעם פירוש פון "וייטב בעיניו" קומט בהמשך צו דעם וואס רש"י זאגט פריער אויף "וידם אהרן" (יו"ד, ג) — "קיבל שכר על שתיקתו". דלכאורה, פארוואס האט געקומט אהרן'ען שכר על שתיקתו: בעת ער האט געהערט פון משה'ן אז אזוי איז נגזר געווארן, האט ער דאך ניט געהאט קיין אנדער ברירה ווי מקבל זיין את הגזירה, טא פארוואס האט אים געקומט שכר על שתיקתו? נאר דער ביאור אין דעם איז, אז דער "וידם אהרן" איז געווען ניט א בלית-ברירה'דיקער שווייגן, נאר אהרן האט עס טאקע מקבל געווען באהבה — וע"ד דער "וייטב בעיניו" פון משה'ן, אז ס'איז געווען ניט בלויז "ויטמע", וואס משה האט מקבל געווען אהרן'ס תירוץ (מצד דעם וואס עס איז שוין סייווי געווען לאחרי המעשה), נאר "וייטב בעיניו", אז אים איז דאס געווען געפעלן — און מצד דעם האט אים געקומט שכר.

לאחרי וואס רש"י זאגט "קבל שכר על שתיקתו" איז ער ממשיך: "ומה שכר קיבל — שנתייחד עמו הדיבור, שנאמרה לו לבדו פרשת שתויי יין". ולכאורה צוליב וואס דארף רש"י זאגן אזא אריכות, ער האט דאך געקענט זאגן בקיצור "קבל שכר על שתיקתו שנתייחד עמו הדיבור כו'", און צוליב וואס דארף רש"י זאגן עס אין א סגנון פון א שאלה "ומה שכר קבל"?

נאר דער ביאור אין דעם איז, אז מיטן לשון "ומה שכר קיבל" מיינט רש"י צו שולל זיין אן אנדער ענין. און דעריבער איז ער מקדים "ומה שכר קבל" — אז וואס פארא שכר האט ער גע-קראגן — (בלויז דאס) שנתייחד עמו הדיבור. וכידוע החילוק צווישן רש"י און תוספות, אז תוספות בשעת ער וויל עפעס שולל זיין, ברענגט ער דעם ענין וועלכן ער וויל שולל זיין און שלאגט אים אפ, משא"כ רש"י זאגט עס אין אזא סגנון, וואס מען זעט במילא וואס ער וויל שולל זיין.

וואס

הנחת הת' בלתי מוגה



הדפסה ברזולוציה מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשכ"ט ב שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 116 הודפס ע"י אוצר החכמה

וואס פארא ענין מיינט רש"י צו שולל זיין?

אין כפשטות (אלולי פידש"י) וואלט מען געקענט זאגן אז דעם שכר וואס אהרן האט געקראגן על שתיקתו איז דאס וואס עד האט זיך געכאפט אויף די סברא צו מחלק זיין פון קדשי שעה ביז קדשי דורות (און משה האט זיך ניט געכאפט אויף דעם),

און דער ענין איז לכאורה קרוב יותר להפשט פון דעם ענין "שנתייחד עמו הדיבור". ווייל:

(א) לויטן פירוש "שנתייחד עמו הדבור" שטעלט זיך א קשיא פון דעם כלל וואס רש"י זאגט פריער (ויקרא א,א) אז אלע דברות זיינען געזאגט געווארן למשה,

(ב) וויבאלד אז דער שכר איז געווען אויף דעם וואס "וידם אהרן" ביי מיתת נדב ואביהוא, ליגט זיך דאך אין שכל אז דעם שכר וועלכן אהרן האט באקומען פאר דעם "וידם" האט א שייכות לענין זה, ובמילא איז דאך מסתבר אז זיין שכר איז געווען וואס עד האט זיך געכאפט צו מחלק זיין בין קדשי דורות לקדשי שעה בנוגע אנינות, און ניט וואס אים איז געזאגט געווארן פרשה שתויי יין. (ואעפ"י אז פרשת שתויי יין שטייט פאר די פרשה "קחו את המנחה", בסמיכות יותר צו "וידם אהרן" – איז זי אבער א פרשה בפני עצמה, און אין אמת'ן האט זי געדארפט שטיין שפעטער).

ואפילו אז מען וועט שוין אננעמען אז אהרן'ס שכר איז געווען אויך דאס וואס "נתייחד עמו הדיבור" – איז דאך דאס ניט שולל פון צו זאגן אז אויך דאס וואס אהרן האט זיך געכאפט צו מחלק זיין בין קדשי דורות לקדשי שעה איז געקומען אלס שכר פאר דערויף וואס "וידם", וואדום מען קען דאך זאגן אז ביידע ענינים זיינען געקומען אלס קיבול שכר.

דעריבער זאגט רש"י "ומה שכר קבל שנתייחד עמו הדיבור כו'" – אז דער איינציקער שכר וואס ער האט באקומען על שתיקתו איז נאר דאס וואס נתייחד עמו הדיבור.

עפ"י הנ"ל אז רש"י מיטן "הודה ולא בוש לומר לא שמעתי" מיינט צו זאגן אז משה האט געזאגט "לא שמעתי" – און ניט ווי מפרשים לערנען אז ער האט געזאגט "שמעתי ושכחתי" – וועט ווערן פארענטפערט (די קשיא וואס מען האט געפרעגט פריער בשיחה ח') וואס רש"י זאגט דא ניט "בא לכלל כעס בא לכלל טעות":

ווען מען וואלט געלערנט אז משה האט געהערט דעם דין פונעם אויבערשטן און ער האט אים פארגעסן, וואלט זיך געשטעלט א קשיא: ווי איז שייך אז משה זאל פארגעסן, און מען וואלט געמוזט ענטפערן אז דאס איז מצד דערויף וואס "בא לכלל כעס". לויט פירוש רש"י אבער אז משה האט קיין מאל ניט געהערט אזא דין, איז דאך ניט שייך צו פרעגן: פארוואס האט זיך משה ניט געכאפט צו מחלק זיין פון קדשי דורות ביז קדשי שעה – ווייל מען קען דאך זאגן, אז ביי משה'ן איז אויסגעקומען עפ"י סברא אז ס'איז ניטא קיין חילוק, און מען איז כלל ניט מוכרח צו זאגן אז דאס וואס משה האט אזוי געהאלטן איז עס געווען מצד דערויף

הנחת הת' בלתי מוגה



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשכ"ט ב שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 117 הודפס ע"י אוצר החכמה

דערויף וואס בא לכלל כעס. והא ראי' אז אויך אין גמרא זיינען דא צוויי דיעות אין דערויף, און לויט איין דיעה איז טאקע ניטא קיין חילוק פון קדשי דורות צו קדשי שעה.

און דאס וואס אין פרשת מטות זאגט רש"י אז אויך משה'ס טעות בשמיני למילואים איז געקומען מצד דעם "ויקצוף" - וועט מען עס מבאר זיין ביי אן אנדער געלעגנהייט, ווען מען וועט האלטן אין פ' מטות. און די נקודת הענין בקיצור איז:

לאחרי וואס רש"י זאגט (בפרשת מטות) אז דער "ויקצוף משה" (שנאמר בפ' מטות) האט אים געבראכט לידי טעות, שטעלט זיך די שאלה: אויך אין פ' שמיני שטייט "ויקצוף", איז פאר-וואס האט דער "ויקצוף" שבפ' שמיני געארניט גע'פועל'ט אויף משה'ן? אויף דעם זאגט רש"י "וכן אתה מוצא בשמיני למילואים כו'", אז אויך דער ויקצוף פון פרשת שמיני האט געבראכט משה'ן לידי טעות, אז דאס וואס ער האט זיך ניט געכאפט צו מחלק זיין פון קדשי דורות ביז קדשי שעה איז עס געווען מצד דעם וואס "בא לכלל כעס".

דעם ענין אבער אז אויך אין פרשת שמיני איז "בא לכלל כעס בא לכלל טעות" איז רש"י מכריח דארטן (ניט פון דעם וואס "בא לכלל טעות", נאר) פון דעם וואס "בא לכלל כעס". און ווי-באלד אז דער כלל אז פון כעס קומט ארויס א טעות זאגט עס רש"י ערשט אין פרשת מטות, דעריבער איז אין פ' שמיני דארף ער עס ניט באווארענען.

עפ"י הנ"ל אז לויט פירש"י האט משה טאקע געזאגט "לא שמעתי", קומט אויס אז די רש"י ד"ה וייטב בעיניו קומט בהמשך צו פירש"י שלפני זה ד"ה הייטב בעיני ה' - וואס אויך אין פריערדיקן פסוק שטייט דער לשון "הייטב בעיני ה'", אזוי ווי "וייטב בעיניו" פון אונזער פסוק:

אויף הייטב בעיני ה' איז רש"י מפרש: "אם שמעת בקדשי שעה אין לך להקל בקדשי דורות", אז אהרן האט געזאגט צו משה'ן אז דעם דין אז מען דארף עסן אויך באנינות האט ער געהערט בלויז ביי קדשי שעה און ניט ביי קדשי דורות. און בהמשך צו דעם איז רש"י מפרש דעם "וייטב בעיניו", אז משה האט מודה געווען צו אהרן'ען און געזאגט "לא שמעתי", אז ביי קדשי דורות האט ער עס טאקע ניט געהערט.

אין פירוש רש"י איז דאך פאראן אויך "יינה של תורה" - איז פאראן אן ענין פון פנימיות התורה אויך אין אונזער רש"י:

אין פשטות איז ניט מובן:

(א) וואס איז טאקע דער חילוק פון משה'ן מיט אהרן'ען אז משה האט געהאלטן אז ס'איז ניטא קיין חילוק פון קדשי דורות ביז קדשי שעה, און אהרן האט געהאלטן אז ס'איז יא דא א חילוק?

(ב) וויבאלד אז משה האט געהאלטן אז ס'איז ניטא קיין חילוק

- און ביי אים איז דאס געווען מיט אזא תקיפות, ביז אז בשעת

<u>הנחת הת' בלהי מוגה</u>



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשכ"ב ב שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 118 הודפס ע"י אוצר החכמה

בשעת ער האט געזען אז מען האט ניט געגעסן די קדשים און יא געמאכט א חילוק, האט ער עס ניט געקענט איבערטראגן בשכלו, אפילו אין משה'ס שכל האט ער עס ניט געקענט פארטראגן, ומצד דעם וואס ער האט עס ניט געקענט סובל זיין, האט עס אויף אים גע'פועל'ט אז "ויקצוף" -

איז וואס האט זיך ביי אים מיטאמאל געביטן בשעת ער האט געהערט פון אהרן'ען אז ס'איז יא דא א חילוק; אהרן האט דאך אים ניט געזאגט קיין הסברה פארוואס מען זאל מחלק זיין, היינט פארוואס איז ביי אים נשתנה געווארן זיין דיעה?

נאר אין דעם איז דא א הסברה עפ"י פנימיות התורה:

משה איז בחי' אמת און אהרן איז בחי' חסד. ווי עס שטייט אין מדרש (שמו"ר פ"ה, יו"ד) עה"פ חסד ואמת נפגשו, אז בשעת משה און אהרן האבן זיך באגעגנט ללכת למצרים האבן זיך דאך בוזאמענגעקומען אמת און חסד.

דער ענין פון "אמת" איז אז אמת איז אלע מאל בשוה און ס'איז ניט שייך אין איר קיין שינויים, וכמ"ש שפת אמת תכון לעד. וואס דערפאר שטייט אין תניא (פי"ג) אז עבודת הבינונים, וויבאלד אין איר איז שייך שינויים, איז (אעפ"י אז לגבי מדריגת הבינונים הייסט עס אמת לאמיתו שלהם, איז אבער לגבי מדריגת הצדיקים, איז) דאס ניט אמת. און דע-דיבער האט משה געהאלטן אז ס'איז ניטא קיין חילוק פון קדשי דורות ביז קדשי שעה, וזארום וויבאלד אז משה איז מדתו מדת האמת וואס אין איר איז ניט שייך קיין שינויים, האט ער גע-האלטן אז די זעלבע מדריגה וואס איז דא אין קדשי שעה דארף זיין אויך אין קדשי דורות. און ניט נאר וואס ביי אים אליין איז ניט געווען שייך קיין חילוק ושינוי, נאר די תנועה האט ער געמאנט אויך פון אידן, ווייל אויך אויף אידן האט ער גע-קוקט אויף נקודת האמת שבהם.

מצד מדת החסד אבער - מדתו של אהרן - שטייט מען אין א תנועה פון קירוב ושלום. ווי עס שטייט אויף אהרן'ען אז ער איז געווען אוהב שלום ורודף שלום אוהב את הבריות ומקרבן לתורה. וואס דערפאר שטייט אויף אהרן'ען ויבכו אותו כל בית ישראל (משא"כ אויף משה'ן) ווייל ער איז געווען א רודף שלום.

און וויבאלד אז ער איז געווען אוהב שלום כו' אוהב את הבריות, האט ער זיך אראפגעלאזט צו די בריות און האט זיך מתלבש געווען אין זיי ווי זיי שטייען אין זייער מדריגה.

און כאטש אז אויך ביי אהרן'ען שטייט "אוהב את הבריות ומקרבן להורה", וואס דער דיוק פון "מקרבן לתורה" איז (ווי גערעדט שוין כמה פעמים) אז ער האט מקרב געווען די בריות צו תורה און ניט די תורה צו די בריות - אעפ"כ האט ער געקוקט אויף די בריות ווי זיי שטייען אין זייער דרגא, אין וועלט. און דעריבער האט ער יא געמאכט א חילוק, ווייל מצד וועלט זיינען דא שינויים.

און דא

<u>הנחת הת' בלתי מוגה</u>



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשכ"ט ב שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס : 119 הודפס ע"י אוצר החכמה

און דא קומט דער אויפטו פון "וישמע משה וייטב בעיניו" אז לאחרי וואס משה האט געהערט פון אהרן'ען וואס עס טוט זיך ביי די "בריות" ווי זיי שטייען אין עולם העשי', אז מצד זייע מדריגה איז דא שינויים וחילוקים, איז "וייטב בעיניו", אז אים איז דאס געפעלן געווארן ובאופן אז דאס איז געווארן זיי־נער אן אייגענער ענין (ווי געריעדט פריער), ד.ה. אז אויך אין מדריגת משה ווי ער שטייט אין אצילות, האט זיך אויפגעטאן דער ענין פון חילוקים, ווייל תכלית הכוונה פון אצילות איז צוליב עשי'.

ואעפ"י אז משה מצד עצמו האט געזאגט "לא שמעתי", אז ער האט ניט געהערט קיין חילוק פון קדשי דורות ביז קדשי שעה (וואס דא טייטשט מען דעם פירוש פון "לא שמעתי" פארקערט ווי דאס איז לויטן דרך הפשט), ווייל מצד מדריגת האצילות איז ניט שייך קיין שינויים, אעפ"י לאחרי וואס ער האט געהערט פון אהרן'ען וואס עס טוט זיך אין עשי', איז "וייטב בעיניו".

(חסר קצת) און דאס איז די הוראה וואס מען מאנט ביי יעדער אידן, אז בשעת עס קומט צו זיך דארף ער וויסן אז עס טאר ניט זיין קיין שינויים - בחי' אני הוי' לא שניתי. די התעוררות אין וועלכע ער שטייט באחש"פ אדער בש"פ שמיני, דארף ביי אים נארבלייבן במשך כל השנה. בשעת עס רעדט זיך אבער וועגן א צווייטן אידן, קען ער ביי אים ניט מאנען הלמאי ער שטייט ניט בכל השנה אין די זעלבע התעוררות ווי באחש"פ ובש"פ שמיני - ווייל ס'איז דא א חילוק צווישן קדשי דורות ביז קדשי שעה.

און דער ענין האט אויך א שייכות צום ערשטן פרק פון מסכת אבות וואס מען לערנט היינטיקן שבת. וכמשי"ת לקמן.

יא. בנוגע לפרקי אבות וואס מען פאנגט אן לערנען בשבת שלאחר הפסח, איז בהמשך לענין האמור לעיל, אויך פאראן אן ענין אין פרק א'. וואס עס איז פאראן א פלא'דיקע זאך, אז שמאי אומר הוי מקבל את כל האדם בסבר פנים יפות.

ולכאורה תמוה: שמאי איז דאך געווען א קפדן, כמבואר בגמרא, איז ווי זאגט ער הוי מקבל את כל האדם בספ"י? בשעת ער זאגט דאס דארף ער דאך זיין א דוגמא חי' וכו'.

מען קען ניט זאגן אז דא רעדט זיך וועגן אידן, אז עס דארף זיין בספ"י, און דארטן איז געווען די מעשה באחד שרצה להתגייר - ווארום ער זאגט דאך כל <u>האדם</u> (בה') ואיהא בתוספות ומבואר בכ"מ אז דאס וואס מען זאגט אתם קרויים אדם איז דאס דוקא וואו עס שטייט אדם סתם, בשעת אבער עס שטייט <u>האדם</u> מיינט עס אפילו א גוי, להבדיל.

אויך דארף מען פארשטיין וואס פריער שטייט אין משנה הלל אומר הוי מתלמידיו של אהרן כו', און דערנאך שמאי אומר כו'. ולכאורה, די גמרא זאגט אז בית הלל זיינען געווען ענוים והיו מקדימים דברי בית שמאי לדבריהם. וואס מה־דאך אז עס איז אזוי געווען ביי בית שמאי כ"ש אז ביי הלל ושמאי גופא האט הלל

<u>הנחת הת' בלתי מוגה</u>



הדפסה ברזולוציית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשכ"ט ב שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס 120 הודפס ע"י אוצר החכמה

הלל זיכער מקדים געוועזן דבורי שמאי. היינט פארוואס דא קומט פריער הלל און דערנאך שמאי?

איז דער ביאור בזה כנ"ל: פונקט ווי ביי משה זאגט מען אז מצ"ע לא הי' בו שינויים, די שינויים איז בלויז לגבי השני, עד"ז זאגט שמאי בשעת עס קומט צו א צווייטן, דארטן דארף זיין הוי מקבל את כל האדם בספ"י.

און ווער האט דאס אים אויפגעטאן - איז דאס דוקא הלל, לאהוי זה שטמע מהלל אז עס דארף זיין אוהב שלום ורודף שלום אוהב את הבריות, וואס דער דיוק פון "אוהב את הבריות" איז כמבואר בתניא (פל"ב) אז מען דארף ליב האבן וכו' אויך "בריות בעלמא", ד.ה. אזוינע וועלכע האבן ניט קיין מעלה, בלויז דאס וואס דער אויבערשטער האט זיי באשאפן, אפילו זיי זיינען ניט קיין אידן, פונדעסטוועגן זאגט מען אז עס דארף זיין אוהב את הבריות, איז בשעת שמאי האט דאס געהערט איז וייטב בעיניו, דאס איז אויך געווארן זיינע אייגענע זאך, ושמאי אומר אז הוי מקבל את כל האדם בסבר פנים יפות.

ועד"ז ווי געדערט פריער בנוגע משה ואהרן, אז כאטש משה מצד עצמו האט ניט געמאכט קיין חילוקים כו', לאחרי אבער וואס ער האט געהערט פון אהרן'ען איז וייטב בעיניו, אז דאס איז געווארן משה'ס א סברא, עד"ז איז אויך בנוגע שמאי והלל, אז לאחרי ווי שמאי האט דאס געהערט, איז עס געווארן זיינע (שמאי'ס) א סברא ביז אז שמאי אומר הוי מקבל את כל האדם בספ"י, וואס האדם (בה') מיינט אויך א גוי כנ"ל, בריות בעלמא.

דאס איז אויך פארבונדן מיט התחלת הפרק, וואס עס שטייט משה קיבל תורה מסיני ומסרה ליהושע, איז הידוע אז מפרשים זיינען מדייק אין דעם לשון, אמאל שטייט קיבל און אמאל שטייט מסרה, אדער מסרוה, און אמאל שטייט בכלל גאר ניט.

שטייט אין דעם דער חילוק: בשעת עס שטייט קיבל, הייסט עס אז עס איז תלוי אין דעם מקבל, דאס הייסט ער קען מקבל זיין בלויז לפי ערכו ניט מער, אבער דער נותן גיט ניט אלץ אוועק, משא"כ מסרה מיינט אז ער גיט אלץ אוועק.

און דערפאר שטייט משה קבל תורה כו', ווארום משה האט גענומען די תורה בלויז וויפל ער האט געקענט מקבל זיין, אבער ניט ווי תורה איז מצ"ע, ווארום תורה איז דאך נעלמה מעין כל חי ושעשועי המלך בעצמותו, דערפאר ביי אים שטייט קיבל, ווייל ער האט ניט גענומען אלץ, וואס דערפאר האט משה שפעטער אויך געלערנט.

משא"כ בשעת משה האט געגעבן צו יהושע, דארטן שטייט מסרה, ער האט אלץ אוועקגעגעבן וויפל ער האט מקבל געווען.

ניט קוקנדיק אז פני משה כפני חמה, וואס חמה אין בו שינויים, עס איז שטענדיק די זעלבע, משא"כ פני יהושע כפני לבנה, וואס אין לבנה איז יא דא שינויים, פונדעסטוועגן בשעה משה האט אים געגעבן די תורה נהג בו בטוב עין און האט אלץ

אוועקגעגעבן

הנחת הח' בלתי מוגה



הדפסה ברזולוציית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשכ"ט ב שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 121 הודפס ע"י אוצר החכמה

אוועקגעגעבן, פונקט וויפל ער האט אליין מקבל געווען, אעפ"י אז ער אליין איז געווען א סך העכער.

וזהו מה שמבואר בגמרא אז בשעת דער אויבערשטער האט געהייסן משה'ן סומך זיין יהושע'ן, האט ער אים געזאגט ער זאל סומך זיין ביד אחת, לפועל אבער האט משה סומך געווען בשתי ידיו.

ולכאורה תמוה, פארוואס האט דער אויבערשטער ניט געהייסן סומך זיין בב' הידים, וממה-נפשך: איז דאס אן ענין, האט דער אויבערשטער דאס געדארפט הייסן; איז דאס ניט קיין ענין, פאר-וואס האט דאס משה געטאן?

נאר בשעת דער אויבערשטער האט געהייסן משה'ן סומך זיין, איז אה"נ אז לפי האמת איז ניט געקומען יהושע'ן עס זאל זיין בב' הידים, ווארום כנ"ל משה איז באופן אחר לגמרי פון יהושע, משה אין בו שינויים, משא"כ יהושע, און אויב משה וואלט ניט מתפלל געווען פאר אים אז י-ה יושיעך מעצת מרגלים, וואלט אפשר יהושע דורכגעפאלן ח"ו, ווארום כנ"ל מצ"ע שייך בו שינויים ובדוגמת ענין הלבנה, אז אמאל איז זי בקטנות און אמאל בגדלות, און אמאל בהעלם לגמרי.

משא"כ אז משה איז געווען בכל הזמן שלו אין מדבר מיטן דור דיעה וואס ארבעים שנה אקוט בדור, משא"כ יהושע איז אריינ-געגאנגען בארץ נושבת וואס דארטן איז שייך שינויים,

משה אבער מצד דערויף וואס ער איז געווען א טוב עין, איז מסדה ליהושע, אהה"נ אז מצ"ע איז ער העכער, בשעת אבער ער לאזט זיך אראפ צו יענעם, גיט ער אים אינגאנצן, און האט אים סומך געווען בב' ידים. אי ווי וועט זיך יהושע קענען ספראווען מיט די גאנצע תורה, וועט ער דאס קענען טאן בכחו של משה.

און דאס איז די הוראה לכאו"א, אז מען דארף זיך פירן באופן כזה, וכמבואר הטעם וואס פונקט די ענינים ווערן אנגע-רופן אבות, ווארום א איד קען טענה'ן: מילא הלכות דארף ער היטן, ביי מדות טובות אבער דערווייל האלט ער ניט, זאגט מען אז משה קיבל תורה וכו', דאס איז אלץ א חלק פון תורה פונקט ווי די אנדערע ענינים.

און וויבאלד אז אלץ וואס ער האט מקבל געווען האט ער מוסר געווען צו יהושע'ן וכו' ביז צו אנשי כנה"ג און דורך זיי צו אלע אידן שבכל הדורות, במילא דארף ער טאן און מקיים זיין אלע ענינים פון תורה.

וכמבואר אז מה שהקב"ה מצוה לישראל לעשות הוא עושה בעצמו, איז ער אויך מקבל את כל האדם בסבר פנים יפות, וכמבואר בלקו"ת אז מראה פנים שוחקות לכולם ומקבל כולם בסבר פנים יפות, ביז ער איז ממלא משאלותיהם של כל אחד ואחד בבני חיי ומזוני רויחי וכו', כן תהי' לנו!!

=================================

הנחה הת' בלתי מוגה



הדפסה ברזולוציה מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשכ"ט ב שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 122 הודפס ע"י אוצר החכמה